# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בהעלותך, י"ט סיון, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ב'
שנה 7, גליון 36 (347)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................8:03
מוצאי שב"ק.....................9:34

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................דניאל ג'-ד'
בבלי..........................זבחים נ'
ירושלמי...........עבודה זרה ח'
תוספתא............נדרים פרק ב'
רמב"ם............יבום וחליצה ח'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת הַמְּנֹרָה.** חַזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, רֵישׁ פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ) אַז פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "נֶעם אַ שְׁטִיקְל גָאלְד אוּן וַוארְף עֶם אַרַיין אִין פֵייעֶר, אוּן עֶם וֶועט וֶוערְן אַ מְנוֹרָה".

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר משֶׁה צוּ מַאכְן דִי מְנוֹרָה, מֶער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע כֵּלִים פוּן דִי מִשְׁכָּן?

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) אַז כְּדֵי אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי וֶועלְט זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, דָאס גֶעשֶׁעט דוּרְךְ דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוייל וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, דַאן קֶען אֵיינֶער מַסְבִּיר זַיין פַארְ'ן צְוֵוייטְן אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע מַחְלוֹקֶת אוֹיף דִי וֶועלְט הֵייבְּן זִיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אָן וֶועגְן גֶעלְט, אֵיינֶער אִיז מְקַנֵא דֶעם צְוֵוייטְן אַז עֶר אִיז מֶער מַצְלִיחַ פוּן אִים, עֶר הָאט מֶער גֶעלְט פוּן אִים, אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי אַלֶע זִילְבֶּערְנֶע אוּן גָאלְדֶענֶע עֲבוֹדָה זָרוֹת, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל אַז אֵיינֶער וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, "אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן", אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז') אַז דִי מְנוֹרָה אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידְן, דִי מְנוֹרָה הָאט גֶעהַאט 49 חֲלָקִים, אָבֶּער אַלֶעם אִיז גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטִיק. דָאס אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי 49 אוֹתִיוֹת וָואס אִיז דָא אִין דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין פוּן אֵיין שְׁטִיק, צוּ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם.

דָאס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן דִי מְנוֹרָה? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן? עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת בַּיי אִידְן.

הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט, נֶעם דֶעם שְׁטִיק גָאלְד אוּן וַוארְף עֶם אַרַיין אִין פֵייעֶר, דָאס מֵיינְט נֶעם דִי תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט אוּן וַוארְף עֶם אַרַיין אִין פֵייעֶר, אַז מֶען זָאל מֶער נִישְׁט נָאכְלוֹיפְן גֶעלְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן וָואס הָאט מֶער גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי מַחְלוֹקֶת, וַוייל רוֹב מַחְלוֹקֶת קוּמְט נָאר פוּן גֶעלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, בְּהַעֲלֹתְךָ תשנ"א)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָשׁוֹן הָרַע

דֶער אִיסוּר פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן לָשׁוֹן הָרַע אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ. חֲזַ"ל זָאגְן (עֲרָכִין ט"ו:) אַז לָשׁוֹן הָרַע אִיז עֶרְגֶער פוּן דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (פְּסָחִים קי"ח) אַז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אָדֶער הֶערְט אוּן נֶעמְט אָן לָשׁוֹן הָרַע, אִיז רָאוּי עֶר זָאל גֶעוָוארְפְן וֶוערְן פַאר דִי הִינְט. דָאס אִיז וַוייל דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן הִינְט אַז זֵיי בִּילְן שְׁטֶענְדִיג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז דֶער וָואס אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לָשׁוֹן הָרַע'ס, עֶר אִיז אֵייבִּיג פַארְנוּמֶען צוּ בִּילְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאס זַיין עוֹנֶשׁ.

לֵיידֶער וֶוערְט יֶעדֶער נִכְשָׁל אִין דֶעם, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער. דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא קס"ה.) אַז יֶעדֶער וֶוערְט נִכְשָׁל אִין לָשׁוֹן הָרַע, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט רֵיין פוּן דֶעם. אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען יָא נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי הַארְבֶּע זַאךְ, אִיז נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין לָשׁוֹן הָרַע. אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם.

<<<<<<

## א גוט ווארט

מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן מִבָּאבּוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "קְדוּשַּׁת צִיוֹן", אַז אַמָאל זֶענֶען צוּ אִים גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי גֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְט אַלֶע זֵייעֶרֶע חֲטָאוֹת נְעוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אוּן גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, הָאבְּן אִים דִי בָּחוּרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאט דֶער בָּאבּוּבֶ'ער רָב זֵיי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶעזָאגְט אִיר זָאלְט זִיךְ אָפְּבְּרֶענֶען אַייעֶרֶע הֶענְט אוּן מַאכְן גִלְגוּל שֶׁלֶג וָואלְט אִיר גֶעלָאפְן מִיט שִׂמְחָה דָאס טוּן, אִיר וַוארְט אִיךְ זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַזַא תִּיקוּן? דָא גֶעבּ אִיךְ עֶנְק אַ גְרִינְגֶע תִּיקוּן - אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִיז עֶנְק שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען?!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן מֶער וִוי אַלֶע סָארְט סִיגוּפִים, וִוי פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט אוּן מַאכְן גִלְגוּל שֶׁלֶג.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' בהעלותך תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## מְ׳רוֹדְפְ׳ט מַיינֶע קִינְדֶער אִין חֶדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיךְ הָאבּ ב״ה זֵייעֶר שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ לֶעבּ ב״ה אַ הֶערְלִיךְ לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ ב״ה קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ ב״ה גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער אוּן אִיךְ הָאבּ ב״ה גֶעטוּן הֶערְלִיכֶע שִׁידוּכִים מִיט זֵיי. אִיךְ הָאבּ ב״ה בְּרֵייט פַּרְנָסָה, אוּן אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַן אִינְצִידֶענְט אוּן דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי מֶענְטְשְׁן אִין מַיין גֶעגְנְט הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ רוֹדְפְ׳ן, דָאס וָואלְט מִיר נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁטֶערְט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז סְ׳אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ וַוייטֶער, אַז מְ׳הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוֹדְפְ׳ן מַיינֶע קִינְדֶער, סֵיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי דִי מֵיידְלֶעךְ, אִין חֶדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע.

דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זֵיי דֶערְצֵיילְן וִוי מֶען רוֹדְפְ׳ט זֵיי אוּן מֶען פַּייניגְט זֵיי אוֹיס, אוּן דָאס מַאכְט מִיר גֶעפֶערְלִיכֶע צַעַר. אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ מַאכְן נַאס דֶעם קוּשְׁן יֶעדֶע נַאכְט.

לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, נִישְׁטָא קַיין הַנְהָלָה אָדֶער רַבָּנִים וָואס זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אוּנְזֶער וֵוייטָאג. וָואס זֶענֶען שׁוּלְדִיג מַיינֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער? אַז מְ׳טְשֶׁעפֶּעט זֵיי אַזוֹיפִיל אוּן מְ׳גֶעבְּט זֵיי צוּנֶעמֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בִּיטֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס גֵייט מַמָּשׁ צוּגְרִינְד, אוּן גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, יַעֲקֹב

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ד סִיוָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יַעֲקֹב נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵויין וֶוען אִיךְ לֵיין דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ יְשִׁיבָה; פַאר צֶען יָאר צוּרִיק הָאט מֶען דָאס גֶעטוּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט זֵיי גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן פַארְשֶׁעמְט, מֶען אִיז זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן, דִי שְׁכֵנִים וְכוּ׳ הָאבְּן זֵיי נָאכְגֶעשְׁרִיגְן מִיט אַלֶע מִיאוּס׳עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף זֵייעֶר טַאטֶע, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, נָאךְ מֶער פוּן אַלֶעס.

פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, פַארְצֵייל זֵיי וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן אַוַדַאי אָנְזָאגְן דִי תַּלְמִידִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג מַאכְן, זֵיי וֶועלְן זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רוֹדְפְ׳ן דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ אַרוֹיס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַזַא פְּלַאץ; אוֹיבּ אַ מְלַמֵד אִיז מְחַנֵךְ זַיינֶע תַּלְמִידִים מִיט רִשְׁעוּת, צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער בַּיים סוֹף אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ דוּ גֶעהֶערְסְט, צוּ וָואסֶערֶע חֲסִידוּת וְכוּ׳; אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אַז דָא אִיז דָא אַ גֶעגְנְט וְכוּ׳ וואוּ מֶען הָאט פַאר דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק מְחַנֵךְ גֶעוֶוען קִינְדֶער צוּ שְׁפֵּייעֶן אוֹיף קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי מֵיידְלֶעךְ אַז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ מֵיידְל וָואס גֵייט אִין דִי אַנְדֶערֶע שׁוּלֶע זָאל מֶען צִיעֶן אִירֶע הָאר אוּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּס׳עֶ וֶוערְטֶער. רוֹב פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע הָאבְּן נֶעבֶּעךְ יֶענֶעם חַיִּים טוֹבִים.

<<<<<<

>>>>>>

דִי בֶּעסְטֶע אִיז וֶוען מֶען טוּט דָאס אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאכְן זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה לֵייגְט מֶען צוּ אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן דֶעם טָאג אִין לָשׁוֹן הָרַע.

אוּן מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט לָשׁוֹן הָרַע, נָאר זִיךְ שְׁטַארְקְן כָּאטְשׁ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע. וַוייל יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶעדְן אַ לָשׁוֹן הָרַע אִיז שׁוֹין זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, אֵיין וָוארְט לָשׁוֹן הָרַע וֵוייניגֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדֶע מָאל בַּאזוּנְדֶער פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אוּן נִישְׁט רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט זָאגְן אַ לָשׁוֹן הָרַע וֶוערְט עֶס גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען. אֲפִילוּ וֶוען דֶער לָשׁוֹן הָרַע אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס מֶען קֶען אִים, אוּן מֶען הָאט אֵייבִּיג גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן גוּט. וֶוען אֵיינֶער קוּמְט אָבֶּער מִיט אַ גוּטֶע לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף יֶענֶעם וֶועט מֶען עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען.

דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט דָאס אַז עֶס זָאל זַיין אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן אַ לָשׁוֹן הָרַע, אוּן אַז מֶען זָאל עֶס גְלַייךְ אָנְנֶעמֶען. מֶען טָאר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צְוֵוייטְן אִיד, אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז נָאר תְּפִלָּה, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּאֱמֶת דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען נִישְׁט צוּ דַארְפְן אֵייבִּיג הֶערְן אַלֶעס. אֵיינֶער וָואס מוּז זִיךְ אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ, עֶר מוּז אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן. אוּן אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, דַאן גֵייט עֶס אַרַיין אִין הַארְץ אַרַיין. וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ, וֶוען מֶען הֶערְט זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט, אֲפִילוּ אוֹיף דִי מִינוּט זֶעט אוֹיס אַז מֶען הָאט עֶס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, גֵייט עֶס אָבֶּער אַרַיין אִין מֹחַ, אוּן דָאס קֶען נָאכְדֶעם שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ עה:) ״מַאן דְאָדְנוֹי רַבְרְבִין, טִפְּשָׁא בְּלִיבֵּיהּ״ - וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טִפְּשׁוּת אִין זַיין הַארְץ. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי דַארְפְן אִיבֶּערָאל אַרַיינְשְׁטֶעקְן זֵייעֶר אוֹיעֶר, זֵיי דַארְפְן אַלֶעס הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן חָכְמָה נָאר פוּן טִפְּשׁוּת. אַן אֱמֶת׳עֶר חָכָם, זִיצְט זִיךְ אִין זַיין וִוינְקְל אוּן עֶר שְׁטוּפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִיבֶּערָאל, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס עֶר דַארְף הֶערְן - וֶועט עֶר מְמֵילָא הֶערְן, אוּן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט הֶערְן - אִיז טַאקֶע בֶּעסֶער אַז עֶר זָאל עֶס נִישְׁט הֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י״ג) וֶועגְן דֶעם טוֹיבְּן בֶּעטְלֶער, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי״ע הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן שְׁוַואךְ גֶעקֶענְט הֶערְן. הָאט עֶר דַאן

<<<<<<

>>>>>>

גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גוּט הֶערְן? וָואס אִיךְ ווִיל זָאגְן - זָאג אִיךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט, מְמֵילָא פַארְוָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן?"

דֶער צַדִיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי'ן, הָאט גֶעהַאט דִי מִידָה אַז עֶר הָאט מַמָשׁ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַ זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט הֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דֶעם צוּ הֶערְן נָאר וָואס עֶר דַארְף.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ תַּלְמִידִים פַאר זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דַאן גֶערֶעדְט צוּ דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נַחְמָן בֵּייגְט זִיךְ צוּ אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶערְן, עֶס אִיז זֵיי גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. הָאט זֵיי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז עֶר הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט יֶעצְט, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט גֶע'פּוּעֶל'ט אַז עֶר זָאל מַמָשׁ נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הֶערְט עֶר נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג יֶעצְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי מַיין מוֹיל שָׁאקְלְט זִיךְ הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ קֶענֶען הֶערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן אוּן רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן אִיז נָאר וַוייל עֶר גֵייט לֵיידִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פִילְט עֶר נִישְׁט קַיין סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַז עֶר זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר הָאפְט אַז אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין סִיפּוּק. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין סִיפּוּק, מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן, מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶונֶען, אוּן מִיט טוּן מִצְוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט יָא סִיפּוּק פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען בַּאקוּמְט סִיפּוּק פוּן גוּטֶע זַאכְן פֶעלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן אוּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקַייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן אוּן נִישְׁט הֶערְן וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן שְׁטֶענְדִיג. וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרַאַ"שׁ חֵלֶק ה' וְחֵלֶק י"ב עֶרֶךְ לָשׁוֹן הָרַע, וְחֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ שְׁמִיעָה)

>>>>>>

דֶערְוַוייל לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ שְׁטַארְקֵייט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן קֵיינֶעם; אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט זֵיי, זָאלְן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן מַכּוֹת רֶצַח, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם. זָאג זֵיי אָן אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי "נְקָמָה", וַוייל מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער: "הַבָּא לְהָרְגְךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ", דָאס הֵייסְט "סֶעלְף דִיפֶענְס" וָואס אִיז נִישְׁט נְקָמָה, וַוייל נְקָמָה מֵיינְט אַז אֵיינֶער הָאט מִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן טָאר אִיךְ אִים נִישְׁט צוּרִיק טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער אַז אֵיינֶער ווִיל מִיר שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה זִיךְ צוּ לָאזְן שְׁלָאגְן.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם הֵיתֶּר צוּ טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער וֶועגְן דִי עֶלְטֶערְן; וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעעֶפֶּענְט דִי חֵדֶר "תּוֹרָה וְיִרְאָה", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַרַיין נֶעמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעוָואלְט; וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הִיטְן נִישְׁט קַיין שַׁבָּת, אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען צוּזַאמֶען מִיט זֵיי, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ אִיר ווִילְט, נֶעמְט אַרוֹיס אֵייעֶר קִינְד"... אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס פַארְמָאגְן טֶעלֶעוִויזְשָׁאן אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף דִי אַלֶע טַעֲנוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיט דִי צַייט וֶועלְן דִי קִינְדֶער מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן"; עֶר הָאט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נִישְׁט גֶעלָאזְט מֶען זָאל אַרוֹיס וַוארְפְן אַ קִינְד וֶועגְן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, צוּם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת אַז מֶען טוּט וֵויי דַיינֶע קִינְדֶער; אֶפְשָׁר אִיז עֶס נִישְׁט מַמָשׁ וִוי דוּ זָאגְסְט, אֶפְשָׁר זוּכְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ טְשֶׁעפֶּען מִיט אַנְדֶערֶע, זֵיי מְבַרֵר וָואס גֵייט פָאר, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אַרוֹיס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַזַא פְּלַאץ וָואס וֶועט סַיי וִוי צֶעפַאלְן.

דִי הַנְהָלַת הַמּוֹסָד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט אוּן דִי מוֹסָד הַאלְט זִיךְ בַּיים פַארְמַאכְן, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֵיי גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אַ מוֹסָד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אַ מוֹסָד מַאכְט מַאכְט זִיךְ צוּ פוּן מַחְלוֹקֶת"; קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן אִין קַיין מַחְלוֹקֶת, קִינְדֶער וָואס הֶערְן רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט, מַחְלוֹקֶת אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קֵיינֶעם, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פַאר קֵיינֶעם, סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אוּן אוּנְז שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק וָואס זָאל מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג): "הִנֵּה אָנֹכִי שׁוֹלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וְגוֹ' וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (עֵדִיוֹת, ח): "אֵין אֵלִיָּהוּ בָּא לֹא לְרַחֵק וְלֹא לְקָרֵב, אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם", אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען נָאר צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט; אָמֵן.

BreslevCenter.com\answers

>>>המשך פון דף ד

# יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן חַתַ"ם סוֹפֵר זי"ע, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ וֶועגְן זַיין גֶעזוּנְט, אוּן מֶען הָאט גֶע'פּוּעֶל'ט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט וֶוען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַלֵיין אִין דֶעם פְּלַאץ וִוי עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה. דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, וִוי עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַּארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק? בִּיז עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:) כָּל הַמִּתְעַצֵּל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָב, אוּן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין, אוּן וואוּנְדֶער אוֹיף וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען דָאס דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעעֶפְנְט אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעלָאזְט צֶעזַאם רוּפְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין מֶרְחָץ אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען וִוי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:), מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלֹא דַיְנָא? יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק. דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶס וֶועט לַייכְטְן אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסְן לִיכְט. אַז וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם.

(אשר בנחל אידיש חלק א' מכתב ח')

# יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.), כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ מְדַכְּאוֹ בְּיִסוּרִין, אוּן דִי יִסוּרִים בְּרֶענְגֶען אִים נֶענְטֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וָואס הֵייסְט מֶען אִיז נֶענְטֶער צוּ אִים בָּרוּךְ הוּא? וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר לִיכְטִיג, עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אוֹר הָאֱלֹקִי, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז נֶענְטֶער. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אֱלֹקוּת, וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קל"ט י"ב), "גַּם חוֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמְּךָ וְלַיְלָה כַּיּוֹם יָאִיר כַּחֲשֵׁיכָה כָּאוֹרָה", דָאס וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטַארְק אֱמוּנָה, וֶועט אִים קֵיינְמָאל פִינְסְטֶער זַיין, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מִיט אִים דָאס גַאנְץ הַארְץ וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, אוֹיף פָּשׁוּט אִידִישׁ.

כָאטְשׁ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט עֶר שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן קוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט נָאר אִיז מַמְשִׁיךְ אוּן רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים, צוּם סוֹף וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַ גְרוֹיסְן לִיכְט אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי מֶען שְׁפִּירְט אוּן עוֹלָם הַבָּא.

אָבֶּער דוּ מוּזְט וִויסְן אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אַזוֹי גְרִינְג, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', זֶען צוּ וֶועמֶען וֶועט עֶר לוֹיפְן וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער. דֶערְפַאר נֶעם זִיךְ פָאר אַז וָואס עֶס וֶועט נָאר נִישְׁט זַיין מִיט דִיר, פוּן בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים גֵייסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק, הַיְינוּ עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין דִיר קַיין שׁוּם קוּשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, וָואס זוּכְט זִיךְ אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ (שְׁמוֹת י"ז) "הֲיֵשׁ הַוָיָ"ה בְּקִרְבֵּינוּ אִם אָיִן" וְגוֹ'? וָוארוּם וִוי עֶר הָאט נָאר סְפֵיקוֹת, שׁוֹין אִיז דָא עַמָלֵ"ק וָואס בַּאטְרֶעפְט סָפֵ"ק, אוּן דֶעמָאלְסְט לַיידְט עֶר אַלֶע יִסוּרִין אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

אִיבֶּער דֶעם זֶע צוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן מִשְׁפָּט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער, וָואס דָאס אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הִתְבּוֹדְדוּת בְּחִינַת מִשְׁפָּט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט"ו), וֶוער עֶס וִויל שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָּנוּז זָאל עוֹסֵק זַיין אִין בְּחִינַת מִשְׁפָּט, דְהַיְינוּ זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אוֹיף מִיר דִי צָרָה וְכוּ'? אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וִוי עֶר פִירְט זִיךְ, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

>>>המשך בדף ג

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**מו"ה יענקי יאקאבאוויטש נ"י**

**בן מוה"ר שמחה הי"ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

**בת מוה"ר מאיר דוד פארקאש הי"ו**

און גלייכצייטיג א ברכת מזל טוב פאר די חשובע זיידע און באבע

**מוה"ר אברהם חיים פארקאש שליט"א וזוגתו תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט. פרנסה בשפע. דורות ישרים ומבורכים. מיט סייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרייליכע חתונה פון א תלמיד הישיבה

דעם זונטאג נאכט איז געגאנגען אונטער די חופה החתן המופלג בתוי"ש יענקי יאקאבאוויטש נ"י, מתלמידי הישיבה, א זון פון הרה"ח ר' שמחה יאקאבאוויטש הי"ו מחשובי אנ"ש פון בארא פארק, מיט די חשובע כלה שתחי', א לערערין אין בית פיגא סקול, די טאכטער פון הרה"ח ר' מאיר דוד פארקאש הי"ו, מחשובי אנ"ש פון וויליאמסבורג.

די פרייליכע חתונה איז פארגעקומען אין די "ויואל משה" זאל אין וויליאמסבורג, ווי הונדערטער אנ"ש און קרובים וידידים פוןביידע מחותנים, די בחורים פון די הייליגע ישיבה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, און די תלמידים פון מוהרא"ש ז"ל פון נאנט און ווייט, זענען זיך געקומען מיטפרייען ביי די שמחה, און אנווינטשן פאר די בעלי שמחה.

ביי איין ווינקל פונעם זאל האט זיך ספעציעל אנגעזען סעמפלס פון די ספרים וואס דער מחותן מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו האט געספאנסערט צו דרוקן, און האבן באקומען דעם נאמען "מהדורת פארקאש": א הערליכע נייע אויפלאגע פונעם ספר הקדוש "ליקוטי מוהר"ן", די ערשטע 50 בענדער פון ספר הקדוש "אשר בנחל", דער נייער ספר "אוצר יומי", איינגעטיילט כל התורה כולה צו ענדיגן אין זיבן יאר, די קליינע טאשן-משניות מיט גרויסע אותיות, ספעציעל געאייגענט צו זאגן ח"י פרקים משניות, און נאך, געדרוקט אין די וועלט-בארימטע בית הדפוס אין יבניאל "ניצוני קודש", אנגעפירט דורך מו"ה מאור בניזרי הי"ו. פילע באטייליגטע האבן זיך אפגעשטעלט און באוואונדערט די הערליכע דרוק, און אויפ'ן פלאץ באשטעלט וואס זיי דארפן.

דער חתן נ"י האט זוכה געווען אז צו די חופה האט ער שוין געענדיגט ש"ס, א זאך צו וואס ווייניג זענען זוכה. אזוי אויך די באקאנטע "חיזוק יומי" קארטלעך, מיט וואס טויזנטער אידן האבן זיך שוין מחי' געווען, איז געווען די ארבעט פון דעם חתן נ"ו, און מ'האט זיך זייער משמח געווען מיט די "חיזוק יומי קארטלעך".

אויך איז כדאי צו דערמאנען אז דער חתן איז געווען אלס בחור ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל, וואו ער האט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים, און קורצליך דערנאך איז ער א חתן געווארן למזל טוב, אזוי ווי מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין הייליגע צוואה, און ער האט געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מצבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט קומען צו זיין קבר און דארט אויסזאגן תהלים ברציפות, וועט זוכה זיין צו טרעפן דעם ריכטיגן שידוך בקרוב גרינגערהייט. און דאס האט מען שוין געזען באשיינפערליך טויזנטער מאל.

**כל המשמח חתן וכלה זוכה לחמשה קולות!**

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

# הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**


# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך >** 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן